STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08101

VAYTN

J. Kahan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן

ווייטן

תל־אביב, תשל״ב

JACOB KAHAN

WAITN

יעקב כהן / וייטן

פאַרלאַג „נײַ־לעבן"

NEI LEBN, Publishing House

Tel-Aviv, Israel

Copyrigth by autor J. Kahan
125 Eastern Parkway,
B-lyn, N.Y. 11238

Printed in Israel 1972
נדפס בישראל תשל"ב

דפוס „אור" בע"מ — שד' הר־ציון 104. טל. 822481



יעקב כהן

אינהאַלט

איך בין אַ ייד	9
ייִדיש	10
צוויי אויגן אין קאָפּ	12
מײַן חלק ירושה	14
דו	16
פּרינצעסין פון פאַרבאָרג	17
די פרייד פון פויגל	18
דער קאַרשן בוים	20
איך ווייס נישט	21
האָפענונג	22
ירושלים	23
שושנה	25
פרייד אין אונדזער הויז	27
משה	28
דער בלאָער פויגל	30
די ווײַסע רויז	31
וואָס זוך איך	32
די שפּיל פון לעבן	33
פאַר ווענען	34
אַ חלום	35
זינג ישראל	37
ס'וועט נאָך זיין שלום אין ישראל	39
דזשאַמבול	41
נשירה יידן, לאָמיר זינגען	43
באַלאַדע פונעם כותל	45
דאָס שפּערל	47
איך ווייס נישט	48
אַ צווייג־געפלעכט	49
מײַן לעבן געצייכנט	50
אַן איינזאַמער וואָרעם	51
מיינע טעג	52
צו מדינת ישראל	53

חנוכה ... 55
אָ, זאָג נישט קיינעם ... 58
דער פויגל ... 57
באַהעפט ... 59
פאַרוואָס ? ... 61
נעילה ... 62
שפוך חמתך ... 63
ס׳איז קיינער נישט געקומען ... 64
ראָבערטאָ ... 66
באַלאַדע פונעם קראַנקן דיכטער ... 67
לאָמיר זיך איבערבעטן ... 69
יידיש פוילן ... 71
ביאַליסטאָק ... 77
ס׳ליד פון פרייד ... 82
די זון פאַרגייט ... 83
חי געלעבט ... 84
איך וואַרט ... 85
דער ... 85
צעטומלט ... 86
ווען דו עפנסט ... 86
פונאַוועגן ... 87
אַריבער איז די צייט ... 88
ווי לאַנג איז עס ... 89
אין די געציילטע רגעס ... 89
איין וואָרט ... 90
שטראָפסט מיר ... 91
דו ... 92
די שאָטנס ... 93
דעם פלאַם געצונדן ... 94
מיינע פאַרלאַנגען ... 94
פאַרהוילענער ... 95

איך בין אַ ייד

מיין בליק קוקט אַזוי סומנע אין ווייט,
דער טרויער, ער פרעסט מיין געמיט,
אַן אָדלער, כ׳וואָלט אַדורכגעפלויגן די צייט,
ווייל אַ ייד, אַן אייביקער ייד כ׳בין.

איך גלי אינעם אייגענעם לעבן
און רייט אויף באַפליגלטע פערד,
מיינע טרוימען גאָלדענע צו וועבן,
און אונטער מיר ס׳ברענט מיר די ערד.

פון איין סוף געפעלזיקט, געשמידט,
כאָטש פון קוואַל פון טרויער געזויגן,
האָט נאָך אין בראשית — מיין גייסט געריט,
ווייל פון אייביק ביז אייביק, כ׳בין אַייד!

יידיש

יידיש איז מיין לשון,
יידיש איז מיין שפּראַך,
אירע זאַפטן כ'האָב געזויגן,
ווי עמבריאָ אינעם טראַכט.

יידיש איז מיין געדאַנק,
מקור פון מיין ליד, מיין משל.
פרייד פון מיין געזאַנג,
פרילינג־אָנזאָג פונעם בושל.

אויף אַלע, אַלע מיינע וועגן,
מיט יידיש זיך האָב געלאָזט,
סיי אין פרילינג פון מיין לעבן,
סיי ווען ס'האָט אין מיר געפראָסט.

און ווען שונא מיין היים
געוויכערט, האָט געשטורעמט,
האָב איך אין וואָגל צעפיינט,
מיט יידיש צוזאַמען געאָרעמט.

און ווען אכזר אותיות דיינע
מיט אייפער האָט געברענט,
האָט ער צוזאַמען מיט דיר,
אויך מיין לייב געשענדט.

האָב איך מיט יידיש
אַ בונד מיט דיר געשלאָסן:
אייביק, אייביק דיר צו דינען,
אין פּאַלאַצן, ווי אין רואינען,

צווי אויגן אין קאָפּ

צווי שפּראַכן, צווי אויגן אין קאָפּ,
העברעיש און יידיש, בלויז איך האָב.
זאָג איך אין עברית, „ויאמר, וידבר”,
די סדרה פון וואָך, איך בין מעביר.

אין עברית, האָט שרה מיט פרייד געלאַכט,
אויף תנכיש, איז רות אין שייער געגאַנגען,
יצחקן צו דער עקידה אברהם האָט געבראַכט,
און אויף העברעיש בת שבען, האָט דוד געפאַנגען.

אויף עברית זיינע כתבן, האָט טאַטע געשריבן,
אין יידיש, טאַטע-מאַמע האָבן גערעדט,
אויף יידיש, זיי האָבן געהאַט הימלען זיבן, —
אויך דעם סדר מיט דער היסב־בעט.

מיט יידיש האָט מיר מאַמע אויסגעוויינט,
פאַר מיר פעלדער געמאָסטן, קברים געריסן,
מיט יידיש, האָט טאַטע דעם רבין באַגלייט,
און געפריידט זיך אין אדר און ניסן...

„אמר אביי, אָמר רבא“, יידיש האָב אויסגעזונגען,
מיט טעם און קנייטש פון דער גמרא
מיין פשטל איך האָב אַרויסגעדרונגען,
פון רשין די רייד, די צימצימדיק קלאָרע.

אַ קראַנץ פון זיי בײדע, כ׳וועל פלעכטן,
איין קו־אַנץ, אויף מיין פאַראָבלטן קאָפּ,
הערט זיך אויף ברודער, קריגן און פעכטן,
אין קאָפּ, צוויי אויגן בלויז איך האָב.

מיין חלק ירושה

נישט פון פעלדער און וועלדער,
נישט פון הייזער און גיטער
איז פון ירושה מיין חלק,
נאָר פו גורל אַ ביטערן, פון ביטער.

פון זיידן כ׳האָב אַן אַלטן בעכער,
פון טאַטן חומשים מיט שס,
פון דער מאַמען אַן אַלטן פעכער,
און ס׳איבריקע, בלויז פיין און האַס.

נישט פון הערשאַפט און מאַכט,
איז פון ירושה מיין חלק,
ווייל נאָך אחד און טראַכט, —
געוואָרן איז מיר הייליק.

און פון ציון דאָס לאַנד,
וואָס געבליבן איז געשווינט,
און פון מקדש די וואַנט, —
וואו שכינה האָט געוווינט.

און פון טלית דאָס תכלת,
פון כנרת, דאָס בלאָ,
דערפאַר הריגות און אבילות,
פון שעהן, ביטערסטע שעה...

ד ו

דו, וואָס געשטאַנען ביזט
אין דיין גרייט דער פולער:
מיט דיין צערטל־האַנט
מיר צו דינען, צו באַדינען,
דיר מיין פריינט, איך זוך,
דיר איך וויל געפינען.

זינט דער שעה פון צעשייד,
האָבן ווינטן אין מיין הויז
פול געווייעט, אָנגעווייעט,
צו פאַרגעבן כ׳בין גרייט,
גרויס דאָס בענקען, גרויס.

קום־זשע צו מיר צוריק
מיין באַגער, מיין באַנג,
זיין דו וועסט ביי מיר,
די פרייד פון מיין געזאַנג.

פרינצעסין פון פאַרבאָרג

פרינצעסין פון פאַרבאָרג,
באַגער פון מיין לעבן.
צו דיר איך גאָר
אין באַהאַלט פון געוועבן,
ווי אינעם טיף פונעם שטרעבן.

דיין געפאַנג איך בין
סיי ווען ווי אַן אָדלער
צעפליגלט כ'בין אין די הייכן,
סיי ווי אַ וואָרעם
צענידערט אין די טאָלן...

ווייל תמיד פון מיין גלוסט
איך ווער געטראָגן,
אין וואָכיקע טעג
ווי אין בלאָע פאַרטאָגן,
דיר פרינצעיסן פון פאַרבאָרג —
צו גרייכן, צו דערגרייכן...

די פרייד פון פויגל

ס׳האָט מיר היינט דער פויגל
זיין ליד פון פרייד געזונגען.
ר׳האָט פון גליק און פרייד,
פון בוים צו בוים געשפרונגען.

זיין געזאַנג כ׳האָב פאַרנומען
און מיט אים זיך מיטגעפרייט.
נאָר אַ פויגל קען אַזוי זיך פרייען,
און אַ פויגל ווערן כ׳בין באַרייט.

פֿריי פליט פוילג אינעם רוים,
ערד איז אויך זיין געשפרונג,
ווי זיינער איז, געפלאַנץ און בוים
געטאַנץ און געפלאַטער אין אַרינג.

פויגל קושט דער ערשטער דעם קאַיאָר,
זיין שירה ר׳זינגט צום מאָרגן־רויט,
ס׳איז בלאָער אויפגאַנג זיינער,
ווי געזאַנג פון דור צו דור.

ס'וועט אים קיינער זון נישט פֿאַרשטעלן
זיין רעכט צו פליען נישט באַרויבן,
און אַז פֿאַרסדומט ס'ווערט די ערד,
קען מען אויך אין רוים זיך דערהויבן.

דער קאַרשן-בוים

עס האָט זיך היינט
דער קאַרשן־בוים צעבליט.
נאָר איך מיט אים,
האָב נישט מיטגעבליט.

בלאַנקענדיקער ווייסער צוויט
ערד האָט באַדעקט,
געווען איז וואַרעם, מילד,
נאָר אין מיר, האָט אַלץ געקילט.

ס'האָט קאַרשן־בוים געבליט,
זומער אויף דער וועלט,
נאָר אין מיר האָט פרילינג,
זיך נישט געשטעלט.

ס'האָט קאַרשן־בוים געגרינט
זיין צייט ער האָט באַנייט,
נאָר אין מיר אַלץ צערונט,
צו מיין פרילינג איז נאָך ווייט...

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט, ווער און וואָס כ׳בין,
נאָר אינעם זיין — כ׳בין פאַרוועבט
ווי בלאַט און צווייג און גרין,
ווי אַלץ וואָס אָטעמט, זיך באַוועגט.

איך ווייס נישט, ווער און וואָס כ׳בין,
נאָר עס רייסן זיך פאַרלאַנגען
ווי בלומען צו דער זון זיך רייסן,
און פול, אַלץ איז פול מיט באַנגען.

איך ווייס נישט, ווער און וואָס כ׳בין,
נאָר אין מיר ראַנגלען זיך באַגערן
פון יעדן סאָרט, פון יעדן מין,
און זויגן איך וויל פון לעבן,
ווי פון בלומען־שטויב, אַ בין.

האָפענונג

פעלזן־פעסט איז די האָפענונג פון ייד,
ווי לאַנג נאָך אַ פונק אין האַרץ עס גליט.
ס'האָט אָדלער נאָר אַראָפּגעלאָזט די פליגל
אויף אַ ווייל,
פעסט נאָך ער שטייט אויף זיין הויך ווי אַ זייל.

ס'איז פעלזן־פעסט די האָפענונג פון ייד,
כאָטש שונא ער צאַפּט נאָך דאָס בלוט.
ווי לאַנג זון די גאָלדענע, זי שיינט,
גלויבט ער אין זיין מאָרגן, אין זיין היינט.

ס'האָט אַש בלויז פאַרשאָטן דעם פונק —
ניין! נישט אַלט ער איז נאָך יונג.
מיט שטורעם ס'אַש צעבלאָזן וועט דער ווינט,
זיין פלאַמיקער גייסט פלאַמען וועט אַ צינד.

ס'וועט נאָך אין זיין גאָרטן בליען די רויז.
ווי לאַנג נאָך ס'איז דאָ דורותדיקער גלי,
וועט ער ווי אַ מוראַזשקע בויען זיין הויז,
ווילאַנג ס'איז דאָ גלוסט צו היים. — צו רי.

דזשאַמבול (קאַזאַכסטאַן), 1945־5.12

ירושלים

כ׳האָב איבער דיין ערד
ירושלים עיר ציון געטראָטן,
אין די טעג פון תשכ״ג
די מיט בוי און האָפן פול,
האָלעעווּשקע פונעם טאָל...

אויף די וועגן, גאַסן דיינע
און די „חוצות ירושלים״,
אָפּהילך ווו געהערט כ׳האָב
פון רייד שטראָפּנדיקע,
און פון זיסע בשורהדיקע.

פון נביאים דיינע צאָרנדיקע
אויפגעגאַן וואָס זענען
פון דודס שטאָט,
אויסדערווייילטע פון די שטעט,
ווי ס׳גייט אויף אַ תפילה, אַ געבעט.

און פון עולי רגל די פרייד
געקומען וואָס זענען
פון שרון, פון גליל,
מיט ביכורים־קאָרב באַצירטן
און שפיל פון חצוצרות און חליל,
מיט הלל־געזאַנג עקזאַלטירטן.

כ׳האָב אין ירושלים פון הײנט
װו זון אַ צעפּרײדטע, איז צעשײנט,
איבעררוף פון דורות געהערט,
רוף פון בויען און װאַקסן,
און פון אַלץ װאָס אײגן באַגערט,
פון אַלץ, אַלץ, װאָס באַשערט.

ש ו ש נ ה

(ב אַ ל אַ ד ע)

די שטאָט זי הייסט בוכאַראַ,
און זיזי הייסט שושנה.
איינמאָל נאָר באַגעגנט איר,
און זי איינגעקריצט אין מיר.

אין וויינגאָרטן זי איז געווען,
טרויבן זי האָט געריסן.
טאָג אין גאָלד געווייקט אַליין, —
אַ פערסקע זי האָט צוגעביסן.

שוואַרצע אויגן, שוואַרצער פלאַם,
שוואַרצער זייד, שוואַרצע האָר,
מזרח־גלי פון מזרח־שטאַם,
אַ חלום, געזען אויף דער וואָר.

זי האָט אַ מזרח־ליד געזונגען.
פול מיט באַנג, פול מיט צער
האָט איר שטים זילבערדיק געקלונגען,
פון פרעמד געפאַנגען, אפרעמדן האַר.

ניגון צאַרטער ווי האָניק האָט געפלאָסן,
אַ געבעט אין מיר זי האָט אַריינגעגאָסן.
פון וואָרצל אייגענעם זיך פאַרפרעמדט,
האָט ניגון צוריק צו זיך געווענדט. —

איך האָב זיך געוואָלט באַקאַנען,
נאָר איר שפּראַך נישט פאַרשטאַנען.
באַנומען: מיר זענען פון איין מאַמען,
האָב איך געזאָגט ישראל, זי שושנה.

כ'האָב איר בענקעניש פון די אויגן
ווי אַ שוואָם אין מיר אַריינגעזויגן.
דעם גלי פון מיין שטאָם פאַרשטאַנען,
ווי לאַנג פיין יידישער איז פאַראַנען.

ס'איז אונדזער אַלטע נעסט פאַרווייט,
דורך ווייט און צייט פאַרפלויגן,
זענען פייגעלעך אין פרעמד צעשפרייט,
צוריק כ'וואָלט זיי אויפגעקלויבן.

און אַ שבועה זיך כ'האָב געגעבן:
אַז ווען איך וואָגלענדיקער ייד
צו מנוחה קומען ווער באַריט,
שושנהס נאָמען איך וועל דערהייבן.

פרייד אין אונדזער הויז

ס׳וועט נאָך זיין פרייד אין אונדזער הויז.
די כמאַרעס צעטרייבן וועט דער ווינט,
זיך צעבליען וועט דער נגב ווי אַ רויז,
אויפהערן וועט קריג, בראָך און ווינד.

ס׳וועט נאָך זיין פרייד אין אונדזער הויז.
פאַרשווונדן וועט די שווערד און דער האַס,
פון יעדן די פריינטשאַפט שרייען וועט אַרויס,
ס׳וועט נאָך זיין שלום אויף אונדזער גאַס.

ס׳וועט נאָך זיין פרייד אין אונדזער הויז.
שטיל אויפגיין וועט כנרת אין בלאָ,
די ברכה פון רעגן זיין, וועט זיין גרויס,
אַז אויפקוועלן וועט עמק אין זיין שעה.

ישראל וועט זיין געבענטשט מיט פול שפע,
יעקבס צעלטן צעליכטיקט, צעפריידט,
פול באַלאָדן, אַשדוד, אילת און חיפה,
ישראלס גוטס איבער אַלע וועגן צעשפרייט.

מ ש ה

(פּ אָ ע מ ע)

אַ פּרינץ צווישן פּרינצן
אין פּרעהס הויף דערצויגן,
און אין באַרויש פון רוישן, —
דערוווסט זיך האָסט,
ביזט פון גושן.

און כאָטש מיט גלאָריע
און רום געוויגן,
האָט דיר צו דיינע ברידער
אין פיין פאַרשמאַכטע געצויגן.

דעם בונד פון אברהם
מיט זיי האָסט באַנייט,
און מיט „אהיה״ געשטאַרקט, —
זיך פון טומאה באַפרייט.

ווי נאָר דיינע ברידער האָסט געזען,
זייער שמאַך האָסט פאַרנומען, געוואַלטן, —
דעם מצרי „דעם פייניקער געטויט,
אים אין די זאַמדן באַהאַלטן.

און ווען פון פרעהס שווערד
פון צאָרן זיינעם ביזט אַנטלאָפן,
געשריי פון גושן האָסט געהערט,
אויף גאולה געוואַרט, פול האָפן.

און ווען יתרוס שאָף האָסט געפּיטערט
און אַ לעמעלע פון סטאַדע האָט געפעלט,
האָט דיין רועה־לייב געציטערט,
ביז צוריק עס געבראַכט, עס געהיילט. —

ביים געקנייט פון פּתום, ביים פלאַם פון דאָרן,
ביי פּיינען פון רעמסס, אויף מדינס היגלען,
געוואַרט האָסט אויפן וואָרט, שאַל פון האָרן,
פון טויערן די שווערע, צו עפענען די ריגלען.

ווי אין געקריץ פונעם שטיין
בני ישראל אין זיך האָסט פאַרקריצט,
אינעם לוחות געבראָך, עגל־געוויין, —
זיי מיט „מחינו" — האָסט באַשיצט...

דער בלאָער פויגל

איך האָב אַ לעבן לאַנג
פויגל דעם בלאָעם געזוכט,
פויגל פון ערגעץ, ערגעץ אַ לאַנד,
מיט אַלע, אַלע מענטשן באַנאַנד.

ס׳איז פויגל בלאָער, ווייט פאַרטראָגן,
איבער לענדער אַלע, אַלע ימים
פאַרבאָרגן ר׳שוועבט אין בלאָע פאַרטאָגן,
דאַך האָפענונג ר׳איז, פון אַלע, אַלע שטאַמען.

נאָר ווי לאַנג געשפּין פון לעבן
זיין וועט גאַנץ, נישט צעריסן,
ווי לאַנג זיין וועט פעדעם צו וועבן,
וועל איך פונעם כישוף־פויגל געניסן.

אַ ווייסע רויז

אין ברוקלינער רויזן־גאָרטן
האָט אַ ווייסער רויז צו מיר געזאָגט:
ווייסער איך בין פון שניי,
קלאָרער פון קרישטאָל;
נעם מיר דיכטער, באַזינגט און באַמאָל.

פון ווייכסטן פוך מיין פעד,
רייצנדיקסטער קראַנץ־געפלעכט.
פון בשמים זאַנפטער, בשמים־ריח,
איז אַלץ אין מיר שיין און עכט.

ריינער פון ווייסטן וואָל מיין ווייס,
טיפער, צאַרטער אין קאָליר,
האָט מיר ווער פאַרטראַכט אין פלייס, —
באַאַשפן אין איידלסטן פאַרפיר...

קורץ נאָר איז מיין לעבן.
ווען ווינט און צייט רייסט און וועלקט,
איז אָן אַ זין שיינקייט צו וועבן.
ווען פרייד איז ווייניק, פיין נאָר פול,
איז נעם מיר דיכטער, באַזינג און באַמאָל.

וואָס זוך איך?

וואָס זוך איך אין די ווייטן
וואָס וויל איך געפינען?
איז נישט דעם סוד פון וועגן
געהיימע, פאַרבאָרג פון וועלטן
וואָס צערינען?

פאַרהוילן איז דאָס שוואַרץ
פון די נעכט, ווי פאַרהוילן
איז דאָס ליכט פון טאָג.
אין באַהאַלט איז דאָרט און דאָ, —
ווי פון הימל דאָס בלאָ.

פעסט הענגען די פלאַנעטן אין רוים,
ווי אין פרילינג דאָס בלי אויפן בוים.
פאַרכישופט פלאַנעטן זיך דרייען
אינעם קרייז,
ווי פאַרכישופט עס קאָלירט דאָס גרין
און דאָס ווייס.
נאָר מער וווּנדער איז צייט און רוים,
וווּ אַלץ לויפט אָן אָפּשטעל, געצוים.

די שפּיל פון לעבן

איך וועל אָנגיין מיט מיין שפּיל,
די אייביקע שפּיל פון לעבן.
און כאָטש אומרו און טרויער
הערט נישט אויף און אויך דער
צער איז דערנעבן,
וועל איך ווייטער שפּינען די פעדעם
גאָר די חלומות צו וועבן.

און כאָטש יעדע ווייל קענען שטורעמס
זיך אַראָפּלאָזן איבער מיין קאָפּ,
און נישט אַנטרינען איך וועל אַנטרינען
פונעם שטורעם־געפלייץ,
וועל איך זיך ווייטער פאַרטאָן
אינעם שפּיל פון לעבן.
אינעם שפּיל פון לעבן און דערלעבן.

פאַר וועמען

איך ווייס נישט פאַר וועמען
עס שיינען די ליכטער,
ווי איך ווייס נישט פאַר וועמען
עס צירן זיך די בלומען און עס
טאַנצט אין פאַרב־געשפיל די שקיעה.

עס אַנטפּלעקן נישט זייערע סודות
די שטערן,
ווי עס ליגט ווי אַ שטומער געץ
דער אויסגעשפרייט. —
איך באַנעם נאָר די מאָנונגען
פון לייב און די האַרטע רייד
פונעם גורל,
ווי איין שויס פון צוואַנג וואָלט
אַלץ געבוירן.

אַ חלום

כ'האָב אַ חלום אַ זיסן געהאַט.
אויפן הימל שטערן אַ נייער
אויפגעגאַן, האָט אויפגעשיינט.
ליכט פאַנטאַן, קאָליריק
געמינועט, האָט געשפּריצט,
ריחות זיך האָבן צעריחט,
פון ערגעץ אַ שטימע, צו מיר
געגרייכט, האָט דערגרייכט.

„שטייט אויף, אָ קינדער מיינע,
פון די אויגן פאַרשטעל נעמט אַראָפּ,
ס'האָט זיך אַלץ געביטן, געענדערט,
וועלט פאַרענדערט, האָט זיך פאַרענדערט."

און געזען, איך האָב געזען:
לייב נישט מער ער פאַרציקט,
שלאַנג נישט מער זי בייסט,
שטורעם נישט מער ער רייסט.

צעליכטיקט, צעשיינט איז די זון
צעקוועלט, צעהעלט דער טאָג,
מענטשן אין אָרעמס זיך פאַלן,
אַ געזאַנג פון ליבע זיי שאַלן.

אַלע מענטשן, אַלע פעלקער
דעם שלום זיי היטן,
מענטשן ווי ברודער זיי לעבן,
און איך אַ ייד אין מיטן.

זינג ישראל

אָ זינג מיין פאָלק ישראל, זינג,
ברעך אויס אין פרייד, געלעכטער,
פריידט זיך ישראלס טעכטער.
זינגט אַ געזאַנג פון געזאַנגען,
לויבט די העלדן פון ישראל,
אונדזערע הערצער זיי האָבן געפאַנגען.

ס'האָט ישראלס איבערבלייב
צעמעכטיקט, זיך צעשטאָלט,
שייט פון פאַרצערנדיקן פלאַם
מיט גבורה זיך צעשפריצט.
און ווען געהויבן ר'האָט זיין אָרעם,
האָט ער אים דעם פיינט,
ווי שטויב צעדינט, צעמאָלט.

עס האָבן מצרים, ירדן סיריע,
זיך געגרייט, געגרייט אין לויער,
אַ בונד געשלאָסן אין באַהאַלט.
טאַנקן, מיסילס, ביי ישראל־טויער,
ציון־פאָלק געוואָלט פאַרניכטן,
אָפּמעקן פון פעלקער זיין געשטאַלט.

האָבן ישראלס מחנות זיך צעשטורעמט,
לייב פון יהודה זיך צעברומט,
און האַנט אין האַנט געאָרעמט,
שונאס רייען זיי האָבן צעקרימט.

אָ, זינג מיין פאָלק ישראל, זינג,
ברעך אויס אין פרייד, געלעכטער,
פריידט זיך ישראלס טעכטער.
אין געציילטע טעג, געציילטע,
האָט פיינט זיין קראַפט פאַרלוירן,
אין די זאַמדן פון סיני מדבר,
האָט נאַסער מחנות זיינע אָנגעווווירן.

אָ, זינג מיין פאָלק ישראל, זינג,
די גבורי ישראל האָבן זיך דערהויבן,
און געשלאָגן זיי האָבן דעם פיינט,
מיט גבורה און מיט גלויבן.

ס׳וועט נאָך זיין שלום אין ישראל

ווי זיך עס שפּרייט וואַסער דאָס שטילע,
וועט איבערן לאַנד זיך שפּרייטן דער שלום.
ווי טוי איבער פעלד און גראָז וועט
די ברכה פון שלום אויפגיין אין יעדן הויז,
און די פרייד און דאָס גליק וועט זיין גרויס.

שטיל וועט אין בלאָ אויפגיין דער כנרת,
ווי שטיל עס גייט אויף דאָס ליכט פון טאָג.
זיך צעבליען וועט דער נגב, באַרג און טאָל,
ווי אין די בעסטע טעג פון אַמאָל.

צעליכטיקט וועט אין רו הויערן דער כרמל,
ווי דער ים אים צופוסן מיט משא באלאדן.
נישט מער וועט שרעקן פּאַרטיי און לויער,
ווייל שלום וועט הערשן אין ישראל־טויער.

קומען וועט דער רעגן אין זיין צייט,
ווי אויפגיין וועט דער טוי אין זיין שעה.
זיך צעשפּראָצן וועט פלאַנץ און בייט,
ווי עס שפּראָצט פון הימל דאָס בלאָ.

געפּירט וועט מדינה ווערן מיט חכמה, באַדאַכט,
ווו צדק וועט הערשן, ווי די שטערן אין דער נאַכט.
און יידן וועלן קומען זיך וואונדערן און פרעגן :
„פונוואַנען די הילף, ווער האָט ציון דערהייבן ?"
און אַ קול וועט ענטפערן : „דער פעלז פון ישראל
און דער ווילן פון פאָלק — געוועז, איז דערנעבן".

דזשאַמבול

איך געזעגן דיר דזשאַמבול.
יאָרן דריי, דיין ערד געטרעטן,
לעצטער גרוס דיר, ריזיקער אַ אול *)
ווי געשפרייט כ׳האָב מיינע געבעטן.

אין דיין מזרח־גליענדיקן בראַנד,
אויף ערד ליימיקער, אינעם אייגן וואַקל —
ווי אין דיין פרימאָרגנדיקן קאַלט,
געברענט האָט מיין לעבנס־פאַקל.

אין אָרעמע דיינע דזשאַמבול־געצעלטן
דערוואַכט האָט מיין גאָלדענער אַמאָל,
אין גאָר געשפין פון מיינע וועלטן,
געווען כ׳בין אויפן גורל־שאָל...

אין דיינע זומער־טעג די בראַנדיקע,
ווען פיין מיר האָט געוואָלט דערשטיקן,
האָסטו מיט פריינטשאַפט ביינאַנדיקע
מיר געקילט אין דיינע „אַריקן".**)

---

*) אַ אול. גרויסער פאָלוואַרק.
**) אַריקן. וואַסער־ראָוו.

אויף באַזאַרן דיינע, דיין געמאַרק
וו געזויגן כ׳האָב גאָר דיין זאַפט,
צוריק דערפילט כ׳האָב זיך שטאַרק,
ווייל גענערט מיט וואָס דיין ערד באַשאַפט.

זעקס יאָר פאַרטריבן פון מיין שטאַם,
אַ פונק אַ נייעם מיר האָסט געגעבן,
ווייט פון היים, פון אייגענעם דעם פלאַם,
אין דיין מיט, מיר געוואָלט פאַרוועבן.

זיי געזעגן קאַזאַכן־שטאָט דזשאַמבול.
אַז אַ נייע היים איך וועל געפינען,
וועט דיין אָרט זיין אין מיין א מאָל, —
אַ שיין אין נאַכט פון מיין באַגינען.

דזשאַמבול 1945.

נשירה יידן, לאָמיר זינגען.

נשירה יידן, לאָמיר זינגען.
לאָמיר זינגען אַ געזאַנג
פון געזאַנגען,
איבער אַלע פיינען,
אַלע ראַנגלען.

אויסגעגלייכט זייערע רוקנס
האָבן די געפייניקטע,
צוריק געקריגן זייער מוט
האָבן די פאַרצווייפלטע,
און קיין ציון געגאַנגען
זיי זענען צעפריידיקטע.

פון אָפּגרונט טיפן,
אַרויס איז אַ פאָלק,
פון ביטער און צער זיך באַפרייט,
הויז אַן אייגן געוואָלט,
גאָר דעם גורל פאַרבייט.

נשירה יידן, לאָמיר זינגען.
ס'האָט אַ פאָלק זיך דערהויבן
און געקומען צוריק זענען די גבורים,
מיט גבורה און מיט גלויבן.

ניש טשטאַרבן, איך וועל לעבן !
פון מזרח, מעריב, דרום פון צפון,
די צעשפּרייטע וועלן זיך דערהייבן.

אשכנזים, ספרדים, תימנים,
בויען. מיר וועלן בוין באַנאַנד,
צוריק אונדזער היים, אונדזער לאַנד.

באַלאַדע פונעם כותל

שטייט דעם מקדש'ס איבערבלייב
אַ געפאַנגענער אויפן ענגן וועג,
ר'הערט נישט מער פון ציונס קינדער,
די תפילהדיקע, בעטנדיקע רייד.

ער איז זכר און דערמאָן
פון אַ פאָלק אין גלות
וואָס איז געגאַנגען,
און פון גבורים וואָס פון
אַ שונא געוואָרן זענען געפאַנגען.

שונאים גיריק נאָך מאַכט
האָבן יהודהס לאַנד צעשטערט,
און עבודה פון צייטן אַלטע,
אינעם טעמפל האָט אויפגעהערט.

דעם בית המקדש זיי האָבן
פאַרברענט, פאַרלענדט,
נאָר מעריב־וואַנט געבליבן
איז אין באַשטאַנד,
צו האָפן פאַר פאָלק און לאַנד.

איז געבליבן כותל המערבי
פאַר פאָלק און לאַנד אן עדות,
ווי דער בונד פון גאָט מיט ישראל,
דורך די לוחות, לוחות העדות.

האָבן שטיינער אַלטע פונעם כותל
געוואַרט אויף אייגן אויסלייז —
און אויפן פאָלק פונעם לאַנגן וועג,
ביז געקומען זענען די באַפרייער
די העלדן פון די זעקס טעג.

שטייט דער כותל אין זיין גרייט,
וואַרט אין האָפן און אין פרייד
אויפן פאָלקס אויסלייז און באַפריי,
פאַר אַ גאולה שלימה וואָס איז כדאי.

דאָס שפּערל

עס האָט דאָס שפּערל
געוויינט, אַזוי געקלאָגט.
זי האָט פאַר די שפּערלעך,
די פּיטשינקע, די קליינע,
נאָך שפּייז זיך געיאָגט.

איז אַ שטורעם־ווינט געקומען,
דעם בוים מיט דער נעסט
ער האָט אַוועקגעטראָגן,
און די שפּערעלעך די קליינע
צום טויט ער האָט דערשלאָגן.

פליט שפּערל אַרום דעם אָרט
אין געוויין, און געקלאָג,
פליט אַרום אין אַן עיגול —
און שוועבט אַזוי פאַרצאָגט,
מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל.

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט, ווער און וואָס כ׳בין.
נאָר אינעם זיין איך בין פאַרוועבט
ווי בלאַט אין צווייג, אין גרין,
ווי אַלץ וואָס אָטעמט זיך באַוועגט.

איך ווייס נישט ווער און וואָס כ׳בין
נאָר עס רייסן זיך פאַרלאַנגען
ווי בלומען צו דער זון זיך רייסן,
און פול איז אַלץ אין מיר מיט באַנגען.

איך ווייס נישט ווער און וואָס כ׳בין.
נאָר אין מיר ראַנגלען זיך באַגערן
פון יעדן סאָרט, פון יעדן מין,
און זויגן איך וויל פון לעבן,
ווי פון בלומען־שטויב אַ בין.

אַ צווייג־געפלעכט

אַ צווייג געפלעכט כ׳בין
אין געענג פונעם וואַלד,
ס׳איז לעבן מיין פאַרקנוילט,
אין טונקל אייגענעם, געוואלט.

אינעם טונקל פון די וועגן
איך בלאָנדזשע,
און אין פלאָנטער אייגענעם
איך ווער פאַרלוירן.

ס׳ליכט פון מיינע אויגן
צווייג־געפלעכט פאַרשטעלט,
נאָר איך, כאָטש בוים אַלטער
געבראָכן און איינגעבויגן,
בין ווי אַ בוים־קרוין הויכער,
ווען זון אַליין באַהעלט.

מיין לעבן געצייכנט

ס'האָט ווער מיין לעבן געצייכנט.
מיין אָרט באַשטימט צווישן די
נידריקע און באַגרענעצטע.

דער טייך פליסט פריי
שטראָמיק און קלאָר,
און איך אַ וואָרעם אין טונקל,
וויל אַרויס צו ליכט און וואָר.

די קייטן פון מיין דערנידער
צערייסן איך וויל,
און ווי אַ פויגל זיך טראָגן
אונטער הימלען פרייע.

איך וויל פריי זיין
צו זען זיין פנים
ווי דעם פנים פון אַלץ
וואָס איז עכט און פריי.

אַן איינזאַמער וואָרם

אַן איינזאַמער וואָרם
אויף ערד איך פויזע, כ'קריך,
איך מענטש פאַריסענער,
אַטראָפן פון אַ מענטשנס דיך.

אין שעהן איינזאַמע, סומנע,
אַליין כ'בלייב מיט מיר,
אין מיין נאַכטיקן אומעט,
כ'זוך מיין טרייסט אין דיר...

נאָר ווי פאַראַן איז, נאַכט און טאָג,
גראָז און פעלד, וואַלד און בוים,
אַזוי איז אַלץ אַליין אין זיך, —
אויך גאָט און גאַנצער רוים...

מיינע טעג

פון מיינע טעג דעם באַדייט
נישט איך ווייס, איך באַנעם.
און כאָטש „הנני", כ'בין דאָ, —
איז עס צוואַנג פון מיין שעה...

פונוואַנען האָט זיך מיין לעבן גענומען
און ווער האָט מיר פונעם נישט — געליימט?
וואָס באַדייט מיין נאָמען?
צו וואָס האָט מיר מייסטער געריימט. —

און אַז אינעם זיין, מיר האָסט געשיקט,
פאַרוואָס מיר אויף הפקר האָסט געלאָזט?
אויב נאָך מיין פונק אין דיר האָט גערוט, —
פאַרוואָס מיר אינגאַנצן האָסט פאַרלאָזט.

צו מדינת ישראל

אין געפלאַקער פון שייטערס,
אין טרעבלינקעס, מײַדאַנעקס,
אויפגעגאַן איז וויזיע
צו מדינה, מדינת ישראל.

יידן אין זייער לעצטן שמע־געשריי
האָבן מדינה אַרייַנגעפלאָכטן,
אין פּיין, אין ליידן און וויי,
   אויך דאַן, ווען שונא האָט געשאָכטן.

אין די טריט פון בן דוד,
„בעוקבתא דמשיחא" ;
דורכן מויל פון מבשר, מבשר אליהו,
קלינגט אָפּ עכאָ, צו מדינת ישראל.

אויף אָדלער־פליגל דור האָט זיך אויפגעהויבן,
איבער פּיינען אַלע, אַ פאָלק האָט זיך דערהויבן,
און אויסגעקעמפט האָבן די גבורי ישראל,
צוריק אונדזער לאַנד, ס'לאַנד פון ישראל.

ערע און רום דיינע העלדן ישראל
די געפאַלענע פֿאָלקס־גבורים,
און פון געטאָ, די קדושים וטהורים,
אַלע, אַלע גבורים, גבורי ישראל.

חנוכה

פון מודיעים — דאַרף אַרויס,
האַנט, אַ שווערד אַ שאַרפער הייבט,
נאָך איר רייען ציען זיך פאָרויס,
זי — יהודה'ס גייסט דערהייבט.

קעגן פיינט דעם באַצווינגער
און זון אייגענע העלעניסטישע,
פלאַטערן פענער, פלאַמען זינגער,
מיט זיי מחנות פול, קריגערישע.

דעם ווילן געשאַרפט ווי שאַרפע שפיזן,
קעגן שונאס צוואַנג, שונאס מאַכט,
אין שטאָל געגאַרטלט, ס'קעמפן ריזן,
ישראלס פרייער גייסט האָט דערוואַכט.

סמאַלען פייער־צונגען שונאס רייען
ווי סערפן שאַרפע זאַנגען שניידן,
אין שונאס מחנה אַ ציטער „מכבעער גייען"!
און שוין ביים מזבח גבורים שטייען.

פאַלען מכבעער־פענער אויפן ווינט,
טאַנצן פריילעך ירושלימס טעכטער,
ס'איז חשמונאים־זיג צעגרינט,
עס קלינגט פרייד און געלעכטער.

פלאַקערט מנורה אין טעמפל גערייניקטן,
נישט פאַראומווירדיקט האָט פאָלק זיין גייסט,
עס שאַלט געזאַנג פון פאָלק גערייניקטן,
אין כוחות אייגענע געגלויבט, נישט געגרייזט.

דער פויגל

דער פויגל פול מיט האפן,
האָט צעשפרייט זיינע פליגל
און אויף זיין וועג זיך געלאָזט.
דער טאָג מיט זון פאַרגאָסן,
געווען איז פול מיט בלי און ליכט.

קנאַספן האָבן זיך צעעפנט,
און די בלומען ערשטע האָבן מיט
בשמים און קאָליר געררייצט.
נאָר מיט אַמאָל איז אַ חושך
אָנגעקומען, און אַ שווערער פלייץ
איז די ערד באַפאַלן.

דער פויגל צעפאַכנדיק שטאַרקער
זיינע פליגל, האָט צו זיינע קינדערס
נעסט געאיילט. נאָר ליידיק געווען,
איז געווען די נעסט.

אָ, זאָג נישט קיינעם

אָ, זאָג נישט קיינעם ווי דו פילסט,
דערצייל נישט קיינעם וואָס דו טראַכסט.
וואָס און וועמען ליב דו האָסט,
וואָס און וועמען דו פאַראַכסט.

אַלץ איז אינעם טונקל, אין באַהאַלט,
ס'אַנטפלעקט נישט קיינער זיין געשטאַלט.
עס גראָבט דער וואָרעם אין דער טיף,
ווי די וויכט באַהאַלט דעם עכאָ פונעם רוף.

באַהעפט

אַלץ איז אין באַהעפט.
באַהעפט איז יסוד
כל היסודות,
תמצית פונעם זיין
דעם גאַנצן.

באַהעפט, איז פּינק
אינעם פלאַם,
אַלע זאַכן אינעם רוים,
צווייג און בלאַט אין שטאַם.

באַהעפט, איז רבים —
אינעם יחיד,
אינם איינס, אינם אחד, —
ווי יחיד אינם רבים.

באַהעפט, איז יאָ,
באַיאָעט וועלט און לעבן,
גאָר דאָס שטרעבן
ווי ס׳גאַנצע, גאַנצע וועבן. —

אומבאַהעפט איז נישט,
טויט און צערפאַל.
באַהעפט, איז יאָ!
פון קוואַלן דער קוואַל.

פאַרוואָס?

אָ, פאַרוואָס זיך נישט באַוויזן האָסט
אין דער ענגעניש פון דער שעה? —
פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט?
„הנני”, איך בין גרייט, כ'בין דאָ.

פאַרוואָס האָט מיין מאַמע
אין דיין הויז געברענט?
ווען געשטרעקט צו דיר זי האָט,
אירע אַלטע, בעטנדיקע הענט.

פאַרוואָס האָט הימל נישט געפלאַקערט?
מיט פייער, רעגן נישט געפלייצט?
ווען ערד מיט יידיש בלוט צעווייקט,
געוואָרן, איז געוואָרן צעאַקערט.

נעילה

די זון צו מעריב זי נייגט,
ס'ווערט שער התפילה פאַרמאַכט,
אַריין, זאָל אַריין אונדזער געבעט,
אַצינד, נאָך אַצינד פאַרנאַכט.

אין לעצטער שעה פאַר דיר,
אין טלית געוויקלט מיר שטיין,
תפילה די לעצטע נישט פאַרפיר,
זאָלן די טעג אונדז דערפרייען.

פונעם ביטער פון דיינע הענט,
אונדז טרינקען האָסט געלאָזט.
אומשולדיקע געהרגעט, געשענדט,
נאָר זון האָט נישט געפראָסט.

פאַרשעם, פאַרשעם אונדז נישט ווידער, —
נישט ווי אַ שונא, מיט צאָרן מער ברויז,
פאַר יצחקן געווען איז אַ ווידער, —
פאַר אונדז נאָר בראָך געווען גרויס.

שפוך חמתך

אָ, גיס גאָר דיין צאָרן אויס,
צו אַלע וואָס געשטאַנען זענען
ביי די גריבער, ביי די גסיסה־ווענט, —
און צו די מיט פאַרלייגטע הענט.

נאָר ס'איז פאָלק אַרויסגעקומען,
פונעם פייער־בראַנד אַרויס,
פונעם אָפּגרונט טיפן זיך גענומען ,
און זיך אויסגעבויט אַן הויז.

פלאַמען נישט פאַרצערן אים זיי ווען,
פונעם פייערדיקסטן גלי כ'קומט אַרויס.
גורל ער טראָגט אויף זיך ווי קרעלן,
כאָטש ליידן און פיין איז גרויס.

„שפוך חמתך", גיס גאָר דיין צאָרן אויס,
צו אַלע זיינע האַסער, אַלע זיינע פיינט,
שטורעם פון די תהומען ברענג אַרויס,
צעברעך זיי, פאַרלענד, היינט, נאָך היינט.

ס'איז קיינער נישט געקומען

(שפּיטאָל־ליד)

עס איז צו אים
קיינער נישט געקומען,
עס האָט אים קיינער,
קיינער נישט באַזוכט.

אין מורא פאַר זיין לעבן
ער ציטערט, ער גרוילט,
זיין גוף אין ווײ,
זיך קאָרטשעט, זיך קנוילט.

לעבן אים שווער־קראַנקע דריי,
זייערע אויגן פאַרהויבן, פאַראָסט,
איז איינער פון יסורים שוין פריי,
אויך צווייטער שוין איז פאַרביי.

און ער אויף זיין בעט
פאַרטראָגן, נישט דאָאיק ר'ליגט,
אויפן שאָל פון גורל,
זיין לעבן זיך וויגט.

נאָר ווײ, עס באַזוכט אים,
עס באַזוכט אים נישט קײנער,
אַן אײנזאַמער קראַנקער אַלײן,
איז ער אײנער, אַלײנער...

ראָבערטאָ

(שפּיטאָל־ליד)

מיט שטורעם ראָבערטאָ איז געקומען,
מיט שטורעם פון ווייטיק און פּיין.
מיט בעט און דאָקטאָר
פון אָפּעראַציע געבראַכט,
איז ער אין שעה שפּעטער
מיט געשריי אין צימער אַריין,
און די קראַנקע צעשראָקן,
צעוועקט זיך האָבן, צעוואַכט.

טאַפּט ראָבערטאָ זיין קאָפּ
פון טומאַר די וונד,
און באַלויכטן פון רעפלעקטאָר דעם שיין,
שרייט ער אין דער נאַכט אַריין.

וואָס שרייסטו ראָבערטאָ,
וואָס שרייסטו אין דער נאַכט ?
ווער קען דיר העלפן, ווער קען ?
אַלץ נאָר איז אין אייגענעם,
אייגענעם געקלעם...

באַלאַדע פונעם קראַנקן דיכטער

דיכטער אַן איינזאַמער קראַנקער
אויף זיין בעט ליגט און טראַכט.
אַכט און זעכציק פרילינגס, אַכט
און זעכציק זומערס פאַרבראַכט.

פאַר זיינע אויגן פלאַטערן פייגל
טאַנצן אין קאַראַהאָד פלאַטערלעך.
האָזן יונגע שפרינגען, לויפן אויפן פעלד,
פוקס פאַרטאַיעט, איז זומערדיק צעקוועלט.

אָנגעטרונקען איז דער באַשאַף
מיט גאָלד און מיט ליכט,
דיכטער אַ צייכן זוכט צו זיין טראַף,
ליד צו פאַרענדיקן, דאָס געדיכט.

נאָר אַליין צום בעט צוגעשמידט
ליגט ער פאַרטראָגן, אַזוי קראַנק,
אפשר טעג געציילטע, אוי באַהיט,
ליד נישט פאַרענדיקט, אַזוי באַנג.

זענען זיבן טוליפּאַנען, זיבן רויזן,
מיט זון אָנגעזויגן און מיט בלאָ,
צו אים געקומען, „מיר זענען דאָ".
זיי זענען אים מקרב — און מבשר :
האָב נישט מורא דיכטער קראַנקער,
נישט געקומען נאָך איז דיין **שעה.**

לאָמיר זיך איבערבעטן

אָ, דו, ביי וועמען אַלץ
וו מענטש און וועלט איז איינס,
וועמענס רוים אין בלאָ געוויקלט
איז געהילט,
ווי אַלץ מיט באַוועג איז אָנגעפילט.

דו פאַרבאָרג גרויסער און פאַרהויל,
פאַרוואָס זיך משפּסטע מיט מיר ?
פאַרוואָס תּמיד נאָר זוכסטו חשבונות,
חטאים־זינד ?
צוואָס מזבח פאַרצערנדיקער,
ס׳אייביקע לעמעלע, דאָס רינד.

דו, וואָס שוואַכקייטן מיינע
אַליין געמייסטערט האָסט, דו ווייסט,
וואָסזשע מעסטו מיר מיט האָרבקייטן,
מיט גזר דין איבער מיר דו שטייסט .

צו וואָס זיך תּמיד קריגן, רייסן ?
אויב אַלץ איז דיינס, גוף און נשמה,
פאַרוואָס זאָל פּיין אין לייב
זיך מיט צאָרן איינבייסן ?

איז לאָמיר ענדיקן דעם חשבון, אַלטן,
נישט מער זיך קריגן, נאָר איבערבעטן,
נישט שטראָף מער מענטש דעם שוואַכן,
נאָר בעסער אים און וועלט איבערמאַכן.

יידיש פוילן

(עלעגישע פּאָעמע)

אַ, צו וועמען יידש פוילן
זאָל איך דיר גלייכן,, פאַרגלייכן ?
האָט נאָך וועמען אַזוינס געטראָפן ?
הימלען שוואַרצע פאַרדעקט דיר האָבן,
און אין בלוט פאַרטרונקען ביזט געוואָרן.

בלאַס, אָ פאַרבלאַסט,
איז ירמיהוס ,,איכה ישבה״
קעגן דיינע ליידיקע די שטעט,
ווי צעפיינדט, פאַרהאַסט
און פאַרן שונאס פאַרשנייד,
געוועז דו ביזט גרייט.

אין שטאָל געגאַרטלט,
האָט ברוינע די בעסטיע
אין דיינע ישובים אַריין.
דיינע היימען צעעפנט,
האָט ער אין זיי געמערט
שאַנד און שמאַך,
מאָרד און געוואַלט.

ווי אַ בוים אַ טיף פאַרגראָבענעם,
האָט דיר שונא

פון דיין היים אַרויסגעשלאָגן,
שטאַם מיטן וואָרצל אויסגעגראָבן.

געקומען איז שטורעם
פון אַלע, אַלע זייטן,
רעגן אַ בלוטיקער
גענומען האָט פלייצן,
און ווען האָרדעס חיהשע
דיר האָבן אַרומגענומען
האָט צו הילף דיר קיינער,
קיינער נישט געקומען.

פאַר זאַלץ און צוקער
דיינע שכנים פאַרקויפט
דיר האָבן, פאַרהאַנדלט,
און ווי פאַר דיינע אבות
זאַלץ־לאַגלען געבראַכט, —
האָבן דיר דיינע „פריינט"
צום שונא איבערגעבען פאַרטראַכט.

וויסט, אַ פאַרוויסט, האָט שונא
דיינע ישובים און שטעט,
צעטראָטן ר'האָט יידיש־וואַרשע
די הויפּט־שטאָט,
ווי צעטראָטן ער האָט קראָקע
אַלטע קרוין־שטאָט.

צעחרובט, צעטרויערט, איז
ווילנע, ביאַליסטאָק, לובלין,
ווי צעחרובט, צעטרויערט,
ווו געוועז איז דייטשע שפּין.

☆

נאָך אינם טונקל פון פּוילנס טעג
דיין אָנהייב פאַרהוילן איז, פאַרהילט,
ווי אינם טונקל עס זענען
די וועלדער פּוילישע, די געֶלע,
מיט גאָר די סטעזשקעס די שמאָלע.

און ווי באַשאָטנט פון סאָסנעס
די שטראָמע,
און פון אָלכעס, דעמבעס שטאַרקע,
מיט גאָר דער וואַלדיקער פּאַנאָראַמע.

און ווי פאַרהוילן עס זענען
די לאַנעס און וואַלד־שיפּועים
אין פאַרראָסטע פּוילישע פּרימאָרגנס,
און ווי סודותדיק זיך עס שפּרייטן
די אַלטע טורעמס און וואַלן,
מיט די טוליענדיקע צו זיי טייכלעך
און שטיל־־ריזלדיקע קוואַלן.

שוין אין די טעג ערשטע
פון דיין אויפקום,
אין לעגענדע־גאָלד
געוועז ביזט פאַרוועבט.
ווינאָר דיין פוס אויף
ערד נייער, האָסט געשטעלט,
גלייך „פהלין" האָסט געזאָגט,
און פאַר זיך אַ ניי לעבן באַהעלט.

און גרעסער זיך פאַרגרעסערט
האָט דער קראַנץ, —
צעהעלט און ראָזיק צעפאַרבט,
האָט ער זיך צעוואַקסן, צעבליט,
און ווי שבתדיק צעליכטיקט, צעריט,
האָט ייד זיך דאָ צעהאַרבט.

שאול וואָהל, קאַזשימיערז, אסתרקע,
געצערטלט האָבן דיין יידיש־פויליש געמיט,
און ווי דעם זכות עקידא פאַר גאָט,
האָבן יידן פוילישע די זכותים געהיט.

ווי תורה־לערנען מיט התמדה,
האָבן יידן מיט פלייס
אינם היימלאַנד פוילישן
זיך פאַרגראָבן, פאַרשאַנצט,
און פאַרקוקט זיי האָבן

אַלע ראַנגלען, אַלע פּיינען,
כאָטש נישט איינמאָל געטרונקען
פון די ביטערסטע ווייַנען.

און ווי אַ צעשפּילטער קאַיאָר
האָט ייִד זיך דאָ צעשפּילט,
אַ נעסט פּאַר קינדער געבויט,
אויך וועלטן פון גייסט געשפּינט,
און אַ געוועב פון טרוים
וואָס רינט, עס צערינט.

און באַשיינט דיר האָבן:
ר׳ עקיבא איגר,
ר׳ מענדעלע קאָצקער.
יצחק לייביש פּרץ,
ווי נחום סאָקאָלאָוו
דער פּלאָצקער.

איבער לענדער גאָר דער וועלט,
פּוילנס נאָמען האָסט געשפּרייט,
סמאָלע, טערפּענטין פון וועלדער געצויגן,
שוואַרץ־ערד פּאַראַקערט, געזייט,
אויך שווערד קעגן שונא געהויבן.

איבער טייכן טראַטוועס געטריבן,
תבואה איבער גרענעצן געשיקט,

גאַסן געפּלאַסטערט, געשטיינט,
אויך כּילים געמייסטערט, געליימט.

נאָר נישט בייגעשטאַנען דיר
איז דאָס אַלץ.
נישט געהאָלפן האָט באָלעסלאַווס
קאַלישער סטאַטוט,
ווי נישט חסדים פון הערשער
פיינע, די גוטע.

נישט די פאַרברודערטע פון
קאָשטיושקאָ די רייד, —
ווי נישט אין סכנה —
דער „קאָכאַימי שיען“,*)
און אין זיג, די פאַר יידן
געשענדעטע פרייד. —

גרויליק איז די שנאה געווען.
צעבלאָזן פון שונאים אַלערליי,
האָט פייער זיך צעלאַוועט,
צעשטורעמט,
און ווען זייער צייט איז געקומען,
האָבן קעגן ייד פּאָליאַק און דייטש
צוזאַמען געאָרעמט.

---

*) לאָמיר זיך ליב האָבן.

ביאַליסטאָק

(עלעגישע פּאָעמע)

פון די שטעט יידישע די אַלטע,
ביזטו נאָך יונג געווען.
אינם וואַלד אַלטן פונם פאָלק
אַ בוים אַ יונגער אין געשען. —

נאָר ווי קרעפטיק זיך צעבליט
דו האָסט ?
צערייפט און צעגרינט,
אַ גאָרטן פרוכטיקער געוואָרן.

פון ביאַלע טייכל דעם קליינעם
דיין נאָמען האָסט געצויגן,
און כאָטש מיט „הסמוכה לטיקטין"
אָנגעהויבן,
האָסטו זיך רויז אַ צעבליטע
פונם שטענגל אַרויסגעהויבן.

און ווי נאָר פון די פרייסן
זיך באַפרייט דו האָסט,
דיינע הענט ווי פליגלען
צעפאָכעט האָסט און צענומען,
און מיט ענערגיע פול און שווונג
יידיש ביאַליסטאָק געבויט,

און צו מסחרן און פאַבריצירן
זיך איבערגעגעבן, פאַרטרויט.

ס׳האָט אימפעט, אומרו דיינער
דיר געיאָגט און געטריבן,
איבער שטעט און לענדער
אַרבעט דיין צו פאַרשפרייטן:
לעדער, קאָצן, פלוש און טוך
מיט דעם ספר, מיט דעם בוך.

עס האָבן יידן דיינע,
געבוירענע און געוואָרענע —
דיר ברייט און ווייט
באַרימט געמאַכט,
אין פריידן אוןליידן
גורל יידישן זיי האָבן
מיט שטאָלץ געטראָגן,
און ס׳האָט דערפאַר אין דיר
באַוווסטזיין יידישער,
וואָרצלנדיק געשלאָגן.

קיל־מתנגדיש אויסגערעכנט
און צעוואַרעמט חסידותדיק
באַהעפט,
ביזטו ביאַליסטאָק
אַ יונגע צווישן שטעט,

אַן עיר ואם געוואָרן,
און מיט פּאַטאָס רעוואָלוציאָנערן
פרומער בענקעניש נאָך ציון,
געגאַרט דו האָסט,
משיחישן, דעם האָרן. —

דערפאַר אין וואַנדער, אינם ווייט,
האָבן זין און טעכטער דיינע
צו דיר געלעכצט, אָ, געבענקט,
און איבער שטעט אַלע, גאָר דער וועלט,
זיי האָבן דיר אַ פאַרבענקטן בליק געשענקט.

און עס האָט מיענדיק
יאָרן איבער דיר געוואַכט,
זיך אַליין געקרוינטער
יחיאל בער וואָלקאָוויסקי,
ווי עס האָט דיר מיט זיין וויסן
און השכלה באַרימט געמאַכט,
שרייבער און געלערנטער,
חיים זעליג סלאָנימסקי.

און פון דיין קרוין דער שיינענדיקער
ווי דימענטן אַרויסגעלויכטן האָבן :
מאָהילעווער רבי שמואל,
דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש, זאַמענהאָף,
ווי ס׳האָבן זיך גאונים פריערדיקע

פון דיין קרוין צעשטראַלט,
און מיט זיי יידן פשוטע,
ווי ל״ו פון באַהאַלט.

און עס האָט נאָך אין באַגין —
מיט ליבע און מיט פאָרכט
ביים כותל זיך געפּראַוועט,
עולה פון עולים עלטסטער
חסיד ר׳ מעשל קאָצקער,
ווי געפּראַוועט אויך
האָט השכלה.
צווייג פון דיין שטאַם,
ר׳ אליעזר האַלבערשטאַם.

עס האָט דיר פּרץ אין זיינע געשיכטן
נישט אַריינגענומען.
כאָטש ווי ביאַלע ביזטו
מיטל־ליטוויש און פּאָדליאַשיק*
און מיט דער זאָרג
פאַרן אָרמען און דעם שוואַכן,
ווי מיט דער האַנט מיענדיקער —
פון דיין רב, רבנים לעצטע

---

*) ביאַל׳ע און ביאַליסטאָק זענעןביידע מיטלליטוויש און געהערן צו פּאָדליאַשע.

ראָזענמאַן ר׳ גדליהו,
וואָס ווי אַלע געטרונקען האָט
פונט ביטערן דעם בעכער,
ביזטו ביאַליסטאָק געוואָרן,
„אויב נישט נאָך העכער״...

און שוין אויך געדענקען לאָמיר:
די „תינוקות של בית רבן״
וואָס פאַרפולט אַלע לערן־הייזער
האָבן,
מיט די לערער און מתפללים
פון די שולן אַלערליי,
ווענמען אַכזר דייטשער
פאַרשניטן האָט,
מיט מיתות כלערליי.

און דיינע יידיש־שעפער פול,
ביז די שרייבער לעצטע:
רעדאַקטאָר פסח קאַפּלאַן
הערשבערג ר׳ שמואל
און אַלע, אַלע נישט דערמאָנטע
וואָס יעדער אויף זיין אופן האָט
און דיין גאָרטן יידישקייט געפלאַנצט,
און גאָר די קרוין פון יידיש פוילן
מיט בלומען פול באַקראַנצט.

קליינע לידער

ס'ליד פון פרייד

שפילט די זון
אויף איר פלייט,
ס'ליד פון פרילינג,
ס'ליד פון פרייד.

שפילט די זון
אויף איר פלייט,
ס'ליד פון פרילינג,
ס'ליד וואָס באַלעבט.

ווערן הערצער אויפגעוואַכט,
פון דער טיף גייטאויף די פרייד,
עס שפילט די זון אויף איר פלייט.

די זון פֿאַרגייט

פֿאַרגייט די זון
אַ רויטע, רויט פֿאַרשעמטע,
און אין פּיין פֿון פֿאַרגיי,
שטום זי איז אין איר וויי.

ווי אין ליבע פּיין
און לײַב אין גלי, —
ברעכט זי זיך און ברעקלט,
אין שטיקלעך. שטיקלעך פֿלאַמען.

פֿייער־לייב דעם אייגענעם
ווי זיסן קרעם זי שלינגט,
ס'לעצטע שטיקל פֿלאַם צערינט,
זיך אַליין זי שלינגט, פֿאַרשלינגט.

חי גלעבט!

יאָג דעם טרויער
טרייב דעם צער,
צו דער פרייד נאָר,
נויג דיין אויער.

שפּיל אויף אָרקעסטער
אַ פריילעכע מוזיק,
אין אָרעם שוועסטער!
ברויזנדיק אין טאַנץ.

לאָמיר אַלץ פאַרשפּילן,
לאָמיר אַלץ פאַרגעסן,
נאָר חיי גלעבט!
אַ פלאַטערל עס שוועבט. —

לידער אין פרייען פערז

איך וואַרט

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין קומען.
און כאָטש צו מיין חלום איז אַזוי ווייט
און אין הויף פון צייט זענען מיינע טעג אַזוי
ווייניק, וועל איך אַלץ אויף אים וואַרטן.
איך וועל זוכן דעם באַשייד צו מיין חלום.

דער

דער וועמענס טייל איז אין אַלץ, פאַרנעמט אויך
מיין יעדן ריר און באַוועג.
ער זאַמלט מיין פרייד אינעם זוניקן מאָרגן,
און לאָזט אויפגיין אין עקסטאַז מיין דאַ־זיין.
איך ווער דאַן מיט גרינגקייט געטראָגן ווי אויף פליגל
פון אָדלער, און איך פאַרגעס אויף אַ ווייל אין אַלע
מיינע זאָרגן.

צעטומלט

צעטומלט, אַליין איך שטיי אויפן וועג.
עס האָט מיר דאָ ווער באַפוילן צו
שטיין, און איך האָב זיין נאָמען נישט
געפרעגט..
זוך איך אים אַרום אויף אַלע די וועגן.
זיין נאָמען איך וויל וויסן,, געשטאַלט זיין אייגן.
און כאָטש איך האָב אים ביז היינט
נישט געפונען, וועל איך נישט אויפהערן אים
ווייטער צו זוכן.

ווען דו עפנסט

ווען דו עפנסט דיין האַרץ פאַר מיר מלכה
פאַרגעס איך אין אַלץ.
איך בין דיר גרייט אַלץ צו פאַרגעבן אויך
דאָס לאָזן מיר אַליין צווישן שאָטנס.
נאָר עס קען די שטיל נישט באַרואיקן מיין גייסט,
ווי ס׳קען נישט די אַליינקייט באַפרוכפערן מיין
גאָרטן.
קום דעריבער צוריק מיט אַ ריין האַרץ, און
האַלט מיר ביי דיין זייט ווי אַ קינד.
איך וועל דאַן שטיין ביי דיין טיר גרייט
אויף יעדן רוף.

פ ו נ ו ו אַ נ ע ן

פונוואַנען איז דאָס ליכט וואָס פלייצט אין מיין הויז
פונוואַנען די פרייד וואָס באַוועלטיקט מיך אַצינד ?
די פינצטער ווי אַ וואָלקן צעטריבן פונעם ווינט,
צעגייטביים סוף פון דער נאַכט.
דאָס ליכט ווי אַ בשורה גייט אויף אינעם מאָרגן,
ביז עס שפּראָצט אויף אינעם שיין פון דער זון.
אירע שטראַלן וואָס באַלעבן די קנאָפּסן, באַלעבן
אויך מיין באַטריבט האַרץ.
און מיין האַרץ אויפגעלעבט, נעמט אויף דאָס ליכט
מיט אַ שטילן געזאַנג.

אַריבער איז די צייט

אַריבער איז די צייט פון מיין וואַרטן.
איך ווייס נישט ווען ס'איז אייער שעה, ווי איך ווייס נישט
ווען עס וועט קומען מיין מאָרגן.
און כאָטש מיט אומגעדולד איז מיין וואַרטן געווען,
האָב איך אויף וואָלקנס פון האָפענונג געפּרווּווט רייטן ;
נאָר ווי אַ פייער האָט די צייט אין מיר געברענט.
זי האָט געוועקט מיין אומרו און צערודערט מיין גייסט,
און איך קען מער נישט וואַרטן אינעם שאָטן פון
אומזיכער,
ווי איך קען נישט מער ווערן געטראָגן פון די ווינטן פון
אומבאַשטימט.

ווי לאַנג איז עס

ווי לאַנג איז עס, ווען איך האָב אין גרויס סכנה
געזוכט דעם פעלז פון זיכער?
ווען מיין שטים איז געווען נידעריק און די כוחות נישטיק,
בין איך געווען פול מיט שרעק פאַר מיין דאָ־זיין.

נאָר אַצינד, כאָטש די סכנה איז אַריבער, מיין
שטים איז פעסט און די כוחות שטאַרקער, בין איך נאָך
אַלץ נישט פריי פון זאָרג.
איך מוז נאָך אַלץ שטיין באַדאַכט און געהיט ביים
טויער פון מיין הויז.

אין די געציילטע רגעס

אין די געציילטע רגעס פון מיין יום טוב, ווען איך ווער
אָנגעפילט מיט פרייד, פיל איך ווי אַ גבורה גייט אויף אין
מיר.
אַ גבורה וואָס וויל זיך אַליין און די וועלט איבערשטאַרקן.
מיין גוף צעבליט זיך דאַן ווי אַ צעבליטער גאָרטן,
און מיין האַרץ פול מיט שיין און בלי, קען די אייגענע
פרייד נישט דערטראָגן.
און ווי אַ געטראַנק וואָס שוימט זיך אַליין אַריבער,
וויל מיין האַרץ פון דער אייגענער פרייד זיך באַפרייען.

איין וואָרט

אָ, זאָג נאָר איין וואָרט,
און איך וועל שטיין ביי דיין זייט.
פרעמד איז מיר די שפּראַך פון סודות,
ווי די אומקלאָרע רייד פון רעטענישן.

אָ, זאָג נאָר איין וואָרט,
און געטריי איך וועל זיך
דיר איבערגעבן אינגאַנצן.

נאָר צערודער נישט מיין לעבן
אין דער שעה פון מיין אָוונט,
צעברעך נישט מיינע כוחות
אינעם ערב פון זון־פאַרגיי.

שטראָפסט מיר

שטראָפסט מיר פאַר מיין נישט וויסן,
פאַר מיין גיין דעם אייגענעם וועג.
ס'קען זיין מיינע טריט זענען נישט באַרעכנט,
מיינע כוחות נישט געמאָסטן.

נאָר ווער האָט עס טענות פאַרן וואַקל־גאַנג
פון אַ קינד, ווער שטראָפט עס פאַרן פאַלן ?

מיט אָנשטרענג איך נעם אויף יעדן טריט וואָס
איך מאַך, ווי מיט אָנשטרענג איך גיי אַנטקעגן
יעדן אויפבליץ וואָס צעריינט אין דער נאַכט.

די שטערנס ווי די זון שימערירן מיט ליכט,
נאָר זיי פאַרשטעלן מיינע אויגן מיט שימער און שטויב.
און איך קען נישט אַדורכרייסן דעם פאָרשטעל, —
ווי איך קען נישט אַדורכרייסן דעם בלאָ פון די הימלען.

ד ו

דו, די וועלטן אַלע האָסט אויסכישופט
די זון אין אַ ליכט־וואַל פאַרהאָנגען, צעשיינט,
און טוי־קרישטאָל אינעם מאָרגן צעפינקלט, באַהיינט.

בלומען מיט חן זייערע קעפּעלעך זאָלן בייגן,
און גאָלד געשטרייפטע פלאַטערלעך,
אַרום רויז אין געטאַנץ זיך הייבן.

פאַנטאַזיע - טעפּיכער אונטער הימלען שפּרייטסט,
און וואַסער־פאַלן צעזילבערט, זייער צער־געברים
פאַרנייגסט.

דו, האָסט אויך מיר אינעם פאַרבן־שפּיל דאָזיקן
אַריינגעשפּילט, אַריינגעצויבערט.
און אין מיין בעכער טראָפּנס פיין אַריינגעטריפט,
אַריינגעשוידערט.

די שאָטנס

ווען די שאָטנס פילן אָן די ערד,
ווען עס גייען אין געוואַי זייער טאַנץ
די שאַאַקלן און די מענטשן באַפאַלט
די מיד פון דער נאַכט, שטיי איך
ביים טייך, הער זיך צו צום
געמורמל פון די כוואַליעס.

אין דער שטיל פאַרנעם איך דעם
געטאַנץ פון מיין אייגן האַרץ.
אין דער דאָזיקער סודותדיקער
רו גיסן זיך צונויף אַלע שטראָמען,
אין שטראָמיקן האַרץ פון דער וועלט.

אויפֿס'ניי באַארבעט „פון אייגענעם גאָרטן"
יעקב כהן, פּאַריז 1949.

דעם פלאַם געצונדן

האָסט פלאַם דעם ערשטן געצונדן, —
האָסט דעם שפּראָץ באַפוילן צו שפּראָצן,
און אויך מיין זיין — און אים אַריינגעגאָסן.

שמעלץ איך זיך אין דעם פלאַם צעגליטן.
און ווי אַ בלום איר שיינקייט וואָס צעשיינקט —
און גייט צום אייגענעם פאַרלענד, —
צעוואַרף איך די פונקען פון מיין שריפה,
און לעש אין יסורים מיין אייגן פייער אויס...

מיינע פאַרלאַנגען

מיינע פאַרלאַנגען נישטיק אַזוי זענען,
ווי נישטיק ס'איז מיין אָרעמער דאַ־זיין.
איך באַגער דעם פרייען פלי פון פויגל,
און די פלייסיקייט פון דער מוראַשקע.

די זאָרגלאָזיקייט פון פלאַטערל און
די פאַרגאַפטע התלהבות פון דער בין.
די מילדקייט פון דער בלום, און
די שרעקלאָזיקייט פון די פייער־פליגן.
אַ ביסל שפייז פאַר מיין גוף,
און דערנערונג פאַר מיין גייסט...

פאַרהוילענער

די צייכנס אויף דער ערד,
זענען די טריט פון דיינע פיס.
די מרחקים אין די הימלען,
זענען פון דיר געמאָסטן.

פון שטערן צו שטערן,
איז דיין אָטעם פאַראַן.
די איידל־שטיינער אויפן הימל,
זענען דאָס געשלייף פון דיינע הענט.

דער פאַרבן־מיראַזש פון די בלומען,
איז דיין אייגענער צויבער.
אין זוניקן שטראַל, איז דיין שמייכל
פול מיט לעבן,
און אין געבורט פון פרילינג, איז
דער עקסטאַז פון דיין וועבן.

ביכער פון יעקב כהן:

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער", (מעמואַרן), פּרוזשאַנסקי, ביאַ־ליסטאָק, 1930.
„אין און אַרום ציוניזם" (עסייען) פּרוזשאַנסקי, ביאַליסטאָק, 1931.
„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפאָריזמען און לידער), „אַבעצע", פּאַ־ריז, 1949.
„אויף די וועגן פון יידישן קיום" (נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַ־טראַכטונגען), פאַרלאַג „צעראַטאַ", פּאַריז, 1950.
„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער), פאַר־לאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1951.
„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען, פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952.
„צו אַ נייע לעבן" (דערציילונגען), פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953.
„לעבן און טראַכטן" (עסייען), פאַרלאַג „בידערמאַן", ניו־יאָרק, 1957.
„דער גורל פונעם ייד" (ראָמאַן), פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1960.
„אונטער די סאָוויעטישע הימלען" (מעמואַרן און שילדערונגען), פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1961.
„די משפּחה ערליך" (ראָמאַן), פאַרלאַג „ניי־לעבן", תל־אביב, 1964.
„אין פלאַם פון צאָרן" (פּאָעמעס און לידער), פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1966.
„בין השמשות" (לידער אין פרייען פערז), פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1966.
„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (2־טע אויפלאַגע) פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1967.
„זיין און צוזאַמענזיין" (פּרווו פון אַן עטיק), פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב 1968.
„דמדומי ערב" (שירים), פאַרלאַג „מאסף ישראל", תל־אביב 1970.
„אין געראַנגל פון צייט" (עסייען), פאַרלאַג „מאסף ישראל", תל־אביב, 1970.
„ווייטן" (לידער) פאַרלאַג „ניי־לעבן", תל־אביב, 1972.

פאַרפאַלן געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

„פון זיך" (לידער), ביאַליסטאָק.
„מיט די כוואַליעס פון לעבן" (ראָמאַן), ביאַליסטאָק.
„ערשטע פרוכטן" (לידער), ביאַליסטאָק.